אחשורוש-שפּיל

# ערשטער אַקט

כ אַ ר (געזאַנג)

דאַ קומט דער פּאַטער קיניג אין דיזענעם טיר,
דאַ שפּילען זיי טראַמפּייטער אויף רוסקי מאַניר.
לאַקאַיען אין דער רעכטער האַנד,
לאַקאַיען אין דער לינקער האַנד,
דעם קיסר בראַוו צו דיענען, צו דיענען
אויף דער גאַנצער וועלט.
דעם קיסר בראַף צו לויבען, צו לויבען,
נאָר פאַר ווינציג געלד,
ווי הויך זיינען די בוימער,
ווי גרין זיינען די גרעזער,
קאַפּיטאַן, לויטערמאַן, סאַלדאַטיאַ!

(ס'קומט אַריין דער קענצלער).

קענצלער: רעטשיטאַטיוו

אין אַ גליקליכער צייט
טו איך מיר, הער קענצלער, הערייַן צו קומען,
דען מיט מייַנען וואָרטען וועל איך אייך מאַכען זומען,
דען איהר זאָלט וועלען וויסען.
דאַ טוט זיך ביי אייך אַ גליק פּאַסירען.
צוויי מענער קומען אַריין אין געצעלט:
איינער שפּרינץ המן —
ברומט מיט איהם די גאַנצע וועלט.
דער אַנדערער: אַ סוס מאָנדרעכאַי.
אַ שלעפּער, אַ בעטלער: און אַ חתונה, וואו אַ ברית,
דאָרטען האָט ער ניט געפעהלט
און אַ טעלער געשטעלט.
אַ פּאַטרעט אויף צו קוקען,
אַ האָרב אויפ'ן רוקען,
און אין דער'ערד טוט ער קוקען.
נאָך אַ סימן וועל איך אייך זאָגען:

מ'האָט עס ניט לאַנג
באַנקעס צוגעשטעלט צום רוקען.
מעהר האָב איך מיט אייך ניט צו פערברענגען
און צו פערזאַמען,
פרינץ המן דאַרף אריינקומען.
אַריין, אַריין,
שפּרינץ המן דו מיין!

כ אַ ר (געזאַנג)

הערדען קאַמאַראַטען,
מיר זיינען בראַווע לייט!
צי זייט איהר ניט פון פראַג געצויגען
פון דער שילער זייט?

קענצלער: רעטשיטאַטיוו

אַך, און ניין, און ניין!
מיר זיינען ניט פון פראַג געצויגען,
פון דער שילער זייט.

דער אַלמעכטיגער גאָט,
דער וואָס זיצט אין זיבעטען הימעל,
סאַי אָרים, סאַי רייך
זיינען מיר אַלע צוגלייך.

כ אַ ר: (געזאַנג)

אָרים און רייכע
זיינען מיר אַלע גלייכע.
טראַ-לאַ-לאַ! לאַ-לאַ!
לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַם....

(שפּרינץ המן געהט אַריין מיט אַ קוראַזש)

המן: רעטשיטאַטיוו.

דען די הויכער גאָט
פון דעם ערשטען הימעל
פון צווישען אייך
אַבצוהעלפען זאָלט איהר מיר,
אַלע אין דעם מאָל צוגלייך,
דען צו דעסטמאָל וועל איך טאָן שפּאַצירען,
מיט די פּסאַ-קאַנאַלסקע יודען
וועל איך טאָן שטודירען;
איך בין געקומען אַראָבנעהמען
פון עמלק — זיידען אַ גג.
דרום סאָלדאַטיאַ, קאַפּעלמייסטער צו שפּילען:

כ אַ ר:

טאַם-טי-דע-ראַ, טי-דע-ראַם-טאַם!
טאַם-טע-דע-ראַ-ראַ-ראַ-ראַ, ראַם
שטי-דע-ראַ-טי-דע-ראַם!

המן: (געזאַנג)

גרין די פעלדער,
פריי אין די וועלדער,
טרעטען זיי מיט פרייז

און צו מיר אַריין!

(אחשוריש קומט אַריין מיט ושתי'ן)

אחשורש: (רעטשיטאַטיוו)

אַ גוט נ'אָבענד, אַ גוט נ'אָבענד
צום הער קוואַרטירען!
ווען איהר זאָלט וועלען וויסען,
איך בין הער אחשורוש.
אַך, אין דרייצעהן טעג
בין איך איבער די פּאָצטען געפלויגען.
איך האָב די שענע, פיינע קוואַרטירען אָנגעטראָפען.
דיזע שעהנע, פיינע קוואַרטירען
איז מיר זעהר געפעלען!
דרום פערלאַנג איך פאַר מיר
און פאַר דער פרוי ושתי
צוויי קליונטעס (קרעסלעס) צו שטעלען.
ראַ-דאַ-ראַ! ווי איך טו מיר מיט דער פרוי ושתי
אויפ'ן שטוהל צו זיצען,
דרום פערלאַנג איך דעם שענסטען, דעם בעסטען,
הער קענצלער, אַליין צו באַניצען.
הער! קענ-צלער! דו באַדינער, דו מיין,
לויפען זאָלסטו אין מיין גאָרטען אַריין!
בעפעהלען זאָלסטו שטוהלען מיט קאָנאַפען אָנצוציהען,
איך דאַרף געהן מיט אַלע בראַווע הערדען שפּאַצירען.

(קענצלער געהט צו צו אחשורש און שטעלט זיך אין פראָנט.
ער הערט צו זיינע ווערטער און געהט אָב פון איהם דריי
טריט, געהט צו צו איהם צוריק און זאָגט איהם:)

קענצלער:

פּראָזא

פּאַטער קעניג, אייערע וואָרטען האָב איך געטאָן צו הערען,
אייער שעהן ווייַנגאָרטען האָב איך געטאָן צו צירען,
קוקען זיי שעהן און פיין,
טרעטען זיי מיט פרייד אין מיין גאָרטען אַריין.

(ושתי געהט אַוועק, זעצט זיך אויף אַנ'אַנדער שטוהל
אָן אַ זייט).

קענצלער (צו המן):

פּראָזא.

שפּרינץ מיניסטער המן, טו אַ קוק,
ווי מיין פרוי מיט דיין פרוי טוען אין ווייַנגאָרטען שפּאַצירען.

אחשורש: (גיט זיך אַ כאַפּ)

כאַ-כאַ-כאַ, ווי אַלע הערדען און גראַפען, מיניסטאָרען
טוען זיך מיט זייערע פרויען צו בעריהמען,
דען אַזאַ פאַרשוין, ווי מיין פרוי ושתי איז ניטאָ צו געפינען.

(רעטש.)

דרום הער קאַנצלער, דו באַדינער, דו מיין,
לויפען זאָלסטו צו דער פרוי ושתי'ן אין צימער אַריין.
אין דיזע זאַכען זאָל זיין פיין און שען.
און אויף איהר קאָפּ זאָל זיין די גילדערנע קרוין.
און אין דיזע זאַכען זאָל זי זיין געשווינד און גיכער
און איןביידע הענד זאָל זיין צוויי גילדערנע בעכער
פאַר מיר און פאַר אַלע הערדען.
מוז זי זיך נאַקעט שטעלען.

**ק ע נ צ ל ע ר :** (רעטש. צו דער מלכה ושתי)

פריי מוטער ושתי,
יאָס דער פּאָטער קעניג געטאָן צו פערלאַנגען
דאַרף איך אייך דערלאַנגען.
אין דיזע זאַכען זאָל זיין פיין און שעהן,
און אויף אייער קאָפּ זאָל זיין די גילדערנע קרוין,
אין דיזע זאַכען זאָל זיין געשווינד און גיכער,
איןביידע הענד זאָלען זיין צוויי גילדערנע בעכער,
פאַר עם און פאַר אַלע הערען
מוזט איהר זיך נאַקעט שטעלען.

**ו ש ת י** צום קענצלער) :

הער קענצלער, דו באַדינער, דו מיין,
לויפען זאָלסטו צום פּאָטער קעניג אין צימער אריין,
פּאַרשפּרעכען זאָלסטו איהם שען און פיין,
ער האָט זיך אַנגעטרונקען מיט מעד און מיט וויין,
געהן זאָל ער אין קאַבינעט פּאַפּען אריין.
צי דען וואָס דוכט זיך עס, דען ער געהט ארויס
פון די גרויסע העררען.

דען איך קום אַרויס פון די גרויסע קאַוואַליערען,
דען מיין עלטער־פּאָטער פון בבל, געוועזען אַ בראַוואַר מאַן
ער'ט געקענט אויסטרינקען וויין פאַר אַ פּאַר טויזענד מאַן,
דרום זאָל ער מיט מיר ניט שטודירען,
וואָרום ער'ט מיט מיר גאַר נישט אויספיהרען.

**ק ע נ צ ל ע ר** (צום קעניג :)

פּאָטער, קעניג ! איך האָב אייך וואָס צו זאָגען,
נאָר איהר זאָלט מיר צום טויט ניט שלאָגען.

**א ח ש ו ר ש** (צום קענצלער :)

רייד !

**מ ר ד כ י** (לויפט אָן, צום קעניג :)

קומען זאָל אויף דיר אַ טויט !

**ק ע נ צ ל ע ר :** (רעטשיטאַטיוו:)

פּאָטער, קעניג, וואָס די פרוי מוטער האָט געטאָן צו פערלאַנגען,
מוז איך אייך דערלאַנגען.
איהר ט'זיך אַנגעטרונקען מיט מעד און וויין,
געהען זאָלט איהר אין אייער קאַבינעט פּאַפּען אריין,
צו דען וואָס דוכט זיך אייך,
אַז איהר קומט ארויס פון די גרויסע העררען,
דען זי קומט אַרויס פון די גרויסע קאַוואַלירען.
דען איהר עלטער פּאָטער פון בבל געוועזען אַ בראַוואַר מאַן,
ט'געקענט אויסטרינקען וויין פאַר 4 טויזענד מאַן.
דרום זאָלט איהר מיט איהר ניט שטודירען,
וואָרום איהר'ט מיט איהר גאַר נישט ניט אויספיהרען.

**ה מ ן** (פּראָזא. צו אחשורוש'ן :)

פּאָטער, קעניג ! אַ ראָט וועל איך דיר געבען.
זאָלסט אַבנעהמען ביי דער פרוי ושתי איהר לעבען,
זאָלסט ניט קוקען אויף איהר גאָלד און זילבער, אויף איהר
גוטס און געלד,

זאָלסט איהר אומברייגנען גיך פון דער וועלט.

**א ח ש ו ר ו ש** (צום קענצלער :)
(רעטש.)

לויפען זאָלסטע צו דער פרוי ושתי אין צימער אריין,
זאָלסט ניט קוקען אויף איהר גאָלד און זילבער,
אויף איהר גוטס און געלד,
און זאָלכט איהר אומברייגנען גיך פון דער וועלט.

**ק ע נ צ ל ע ר** (צו ושתי מיט אַ געבעט :)
געזאַנג.

פריי מוטער ושתי,
פריי מוטער ושתי,
פריי מוטער ושתי,
ס'אַרא נ'אָבשאַפט.

ס'אַרא נ'אָבשאַפט,
איך האָב צו אייך קיינמאָל נישט געהאַט,
אוי, אַז אַך און וועה איז צו מיר,
וואָס איך בין געבוירען געוואָרען,
וואָס דער פּאָטער קעניג הויבט אָן צו פערלאַנגען
(געהמט אַרויס דעם שווערד און שטעלט אַנטקעגען איהר)
דאָס מוז איך אייך דערלאַנגען :
איך זאָל ניט קוקען אויף אייער גאָלד־און זילבער,
אויף אייער גוטס און געלד,
און זאָל אייך אומברייגנען פון דער וועלט.

**ו ש ת י** (בעט זיך ביים קענצלער :)
געזאַנג

הער, קענצלע—ער ! דו באַדינער,
דו באַטרייסטער דו מיין !
אַז אין דיעזע זאַכען
זאָלסטו מיר גענוצליך זיין,
דו זאָלסט מיך לאָזען
פאַר דעם הויך אֵיידעלען פּאָטער־קעניג צו־טרעטען,
פיליינכט וועל איך עפּעס אויסוויינען
און אויסבעטען.

**ש פ ר י נ ץ ה מ ן** (צו ושתי) :
פּראַזא

יא, פריי מוטער ושתי !
פאַר דעם פּאָטער־קעניג וועל איך דיר לאָזען טרעטען,
נאָר דער אַלמעכטיגער וויים,
צי דו וועסט עפּעס אויסוויינען
און אויסבעטען.

**ו ש ת י** (צו אחשורש) :
געזאַנג

אָט אזוי געה איך,
און אָט אזוי שטעה איך,
און אָט אזוי פּאַל איך
פאַר'ן פּאָטער קעניג אין די טירען,
פאַר'ן פּאָטער קעניג אין די אויגען,
פאַרגעבען זאָלסטו מיר מיינע זינד,
אזוי ווי אַ פּאָטער זיין אייגען קינד.

**א ח ש ו ר ש** (צו ושתי :)
פּראָזא

טרעט אָב, פּראַקאַנאַלסקע פרוי !
דו האָסט ניט געטאָן מיין ראָט צו הערען,

דען מוסטו פון דער וועלט
אַנטרונען ווערען.

**ו ש ת י** (וויינט צו אחשורש) :
געזאַנג.

קיין געוויין
און קיין געבעט
איז ביי דעם הויך־איידעלען פּאָטער־קעניג ניט אַנגענומען.
יעצט דאַרף מיין יונגע בלוט טאָן אַוועקצורינען
שפּילט מיר אויף אַ פּאַהאַראַנעם מאַרש
נאָכ'ן אידישען אַלף־בית.

(ושתי'ס אַלף־בית):

איך, קעניגליכע, ושתי,
איך טו וויינען און קלאָגען,
אַז איך דאַרף פון דיעזער וועלטעלע
פּאַרלאָרען ווערען.

**כ אָ ר :**

טראַ־אַ־אַ־לאַם, טראַ־אַ־לאַ־לאַ־לאַם
טראַ־דאַ־ריי־דאַ־ריי־דאַ־ריי־דאַם
טראַם־טאַ־ריי־דע־ריי־דע־רידאַם !

**ו ש ת י :**

בייזע מחשבות טוט דער מענש ניט טראַכטען,
און דער מלאך המות טוט דעם חלף שאַרפען !

**כ אָ ר :**

טראַ... אַ. אַז. וו.

**ו ש ת י :**

געלד און זילבער טו איך נישט בעדאַרפען,
גוטס און געלד טו איך אַוועקוואַרפען.

**כ אָ ר :**

טראַ... אַ. אַז. וו.

**ו ש ת י :**

דער מענש איז צו אַ שאָטען
געגליכען געוואָרען
אָט געהט, און אָט שטעהט ער,
און אָט ווערט ער פּערלאָרען

**כ אָ ר :**

טראַ... אַ. אַז. וו.

**ו ש ת י :**

האָב און גוטס טו איך אַוועקוואַרפען,
בעת המנ'קע דער רשע נעהמט פון מיר ראָכע

**כ אָ ר :**

טראַ... אַ. אַז. וו.

**ושתי:**

זייט זע מיר געזונט,
מיינע ליעבסטע לייטען!
גיט מיר צו פארשטיין
וואס איז היינט פאר א צייטען.

**מרדכי** (לויפט אן:)

(פראזא)

פערעפ אוונא סערעדרא!

**ושתי:**

טרעט אב פון מיר,
איהר איבעריגע מענשען,
און לאזט מיר פאר מיין טויט
מט דעם בורדיוק בענשען.
(המן מיט'ן קענצלער האקען איהר אראב די קאפ).

# צווייטער אַקט

**אחשורש** (צום קענצלער:)
(פראזא)

הער קענצלער נעהם ארויס
פון צוקאפען דעם בוך
און לייען מיר דורך.
(קענצלער נעהמט ארויס דעם בוך און לייענט)
פאטער—קעניג! ס'גלאפען
א קאט איבער באט
און האט איבערגעצעהלט
וויפיעל קינדער המן האט.

**אחשורש** (צום קענצלער):
(פראזא)

כא־כא־כא! ס'אפשר דא
נאך א שענם?

**קענצלער** (האלט דעם בוך און לייענט):
(פראזא)

ס'איז געשטאנען צוויי ווייבער נעבען אנ'אויווען,
האבען זיי זיך אנגעהויבען מיט די ווילקעס צו בויגען,
ביז וואנען זיי האבען זיך ארויסגענומען איינע די אנדערע די אויגען.

(פאוזע)

פאטער־קעניג, איך
האב אייך א בייז צארן צו דערליינען,
נאר איך האב מורא איהר זאלט מיר צום טויט ניט דערוויינען.

**אחשורש:** (פראזא)

רייד.

(פראזא)

אז ניט בעקומסטו שוין דעם טויט!

**קענצלער:** (פראזא).

פאטער־קעניג! אייער פרוי ושתי
איז נעכטען געפאנגען געווארען.

**אחשורש** (שפרינגט פון זיין שטוהל):

וואס איז דאס!
(נעהמט ארויס דעם בלויזען שווערד און טוט אווארף אן
דער ערד — הויבט אן זינגען)

א גאנצע נאכט
בין איך ניט געוועזען אויפגעוואכט;
אויף מיינעם זינען האב איך גאר נישט בעזאכט,
וואס די שארקאפטיג (שאלקהאפטיגע) מאנען (מאנען)
האבען מישפטים געמאכט.
און איהר, מיינע שארקאפטיגע מאנען
פאר אייערע בייזע ראטען,
קומט מ'זאל אייך שטעכען און בראטען.

**כאר:** (געזאנג)

אלמאכטיגער פאטער!

דו ווייסט דאך דיין טראכט!
מיט מעד און מיט ווין
ביזטו געוועזען פערשמאכט!
דרום, דרום, האסטו איבעל געמאכט
די קעניגליכע ושתי צום טויט געבראכט.

**אחשורש:** (געזאנג)

וואס טויג מיר מיין מלוכה
מיט מיין גילדענער קרוין,
אז די פרוי ושתי
איז ניטא אין דער היים.
וואס טויג מיר מיין מלוכה
מיט מיין גילדערנעם שווערד,
אז די פריי ושתי ליעגט אין דער ערד.

**כאר:**

אלמעכטיגער פאטער א. אז. וו.

**המן** (צום קעניג):
פראזא.

פאטער — קעניג! וואס טוסטו
אזוי וויינען און קלאגען,
צו דען וועסטו א שענערע,
א בעסערע ניט האבען?

**אחשורש:**

טרייסטער, איהר מיינע,
איהר טייערע דיענער!
צי דען אזא זאך
קען מיר ארויס פון מיינעם זינען?
דרום פאר אייערע בייזע ראטען
קומט מ'זאל אייך שטעכען און בראטען.
אלמעכטיגער פאטער א. אז. וו.

**המן** (צום קעניג):
פראזא

פאטער—קעניג! ס'איז דא א אידישער שדכן.
(צו מרדכי'ן) — מרדכי! דא פאנא!

**מרדכי:** טשאסו ניעמא!

**המן:** צא ראביש?

**מרדכי:** לאקשען קאטשאיו!

**המן:** נו, אידי! אידי!

(נעהמט איהם פאר'ן הארב און גיט איהם א שטופ צו אחשורש'ן)

**מרדכי** (געהט צו צום קענצלער) דאס ביזטע דער פאטער—קעניג?

**קענצלער:** ניין!

**מרדכי:** ווער איז דאס?

**קענצלער:** (ווייזט אויף אחשורש'ן) אט איז ער!

**מרדכי** (צום קענצלער): איך האב געמיינט דאס איז אנ'אנגעבלאזענער ענדיק. (ווענדענדיג זיך צום קעניג) פאטער־קענדריק־פענדריק! איך בין צו דיר געקומען א שדוך צו ריידען!
איך וועל דיר אריינברענגען אין גרויסע צרות און אין גרויסע לײדען.
איך מיין ניט דיר אליין, נור אייך ביידען.
איך וועל דיר געבען א מיידעלע א פאטרעט,
אין ערטער גרין, אין ערטער געל,
צו דערצו א פארטרעט,

כאץ מיט די פיס צעטרעט.
א קולאק אנטקעגען א קולאק —
א געשוויר אייך ביידען אין באק!
היינט האט זי אילע בגדים של חול,
זאל אייך, מיינע קינדערלאך, ביידען ארויס די זייל!
היינט האט זי אילע בגדים של יום־טוב,
האט זי יום־טוב'דיגע קליידער.
אילע בגדים,
קדחת מיט רויטע פאדים,
שטרייענע הויזען
מיט דראט בעצויגען,
א פלאץ אויפ'ן וואסער,
אנ'ארט אויפ'ן בית חיים,
ק'טשערטיאב וואשים אבאאים!
ביזט סאגלאסנע, פאטער קעניג, אויף די נדן?
צו דערצו האט זי א צעהנדליג טאראן!

איך פרעג ביי דיר נאך אמאל:
ביזט סאגלאסנע, וועל איך מקדש זיין
ביידע פלעקענען.
אחשורש: סאגלאסנע!
אסתר: (געהט אריין אין צעריסענע שיך):
מרדכי (נעהמט זי ביי די הענד):
איך בין אייך מקדש
ביידע פלעקענען:
הרי
דיר מיין קינד, א מכה
און דעם בורדיוק — צוויי,
נאך אמאל: הרי!
ברענען זאל דער בורדיוק
אזוי ווי א שטרוי!
את! זאל אייך שטשיפען
דער אדעסער קאט!
איינער פון'ם עולם:
פאר וואס עפעס דער אדעסער?
מרדכי: ווייל ער שטשיפעט בעסער.
מקודשת יאק סאבאקא ברעשעש,
בטבעת, זאל אויף אייךביידען אנגעשיקט ווערען א חולאת.
ז: באצעלאוי ראבינו קאזוי.

# דריטער אקט

המנ'ס מפלה.

קענצלער: (צו אחשורש:) פראזא. פאטער—קעניג! איך האב
איך וואס צו זאגען
נאר איהר זאלט מיר צום טויט ניט שלאגען.
אחשורש: זאג!
קענצלער: בגתן ותרש האט געוואלט אייך סם איינגעבען
כדי איהר זאלט פון דער וועלט ווערען אנטרונען.
אחשורש: ווער וויים פון דיעזער זאך?
קענצלער: מרדכי, דער אידישער שדכן!
אחשורש (רופט צו המן'ען) שפרינג — מיניסטער המן!
וואס קומט דיעזען מאן
וואס האט פון טויט מיר אבגעטאן?
המן: מ'זאל איהם פוצען און וואשען
און פיהרען איבער די גאסען.
און שרייען: דאס איז דער מאן
וואס האט דעם פאטער קעניג פון טויט אבגעטאן.
(געזאנג)

המנ'ס אלף-בית:
געזאנג.
127 לענדער האב איך עהרליך געהאלטען,
היינט מוז מען מיר מיין קאפ
איך צוויי שטיק שפאלטען.
כאר: טרא... א. אז. וו.
המן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינעם שעהנעם ראק
זאגט זשע איהר אלע!
כאר: אויפ'ן גאלגען שטעקט א טשוואק,
דארטען וועלען מיר הענגען

דיינעם ראק!
געה זשע, שענסטער, געה זשע, בעסטער,
געה אויף איהם ארויף!
המן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינע שענע מיץ?
זאגט זשע איהר אלע!
כאר: אויפ'ן גאלגען שטעקט א שפיץ
דארט וועט מען הענגען דיינע מיץ!
געה זשע א. אז. וו.
המן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינע שטיוועל שפארען,
זאגט זשע איהר אלע!

כאר: אויפ'ן גאלגען שטעקט א דארן,
דארט וועט מען הענגען דיינע שפארען!
געה זשע א. אז. וו.
המן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינע צעהן קינדער?
זאגט זשע איהר אלע!
כאר: אויפ'ן גאלגען געהען רינדער
דארט הענגען דיינע קינדער!
געה זשע א. אז. וו.
המן: וואו וועט'ן הענגען, הענגען
המן'ען אליין?
זאגט זשע איהר אלע!
כאר. אויג'ן גאלגען שטעהט א בוים,
דארט וועט מען הענגען
המן'ען אליין?
המן'ען אליין,
געה זשע א. אז. וו.

איינער פון כאר: אין אונזערע אבות צייטען, דעם בורא
איז מען געווען געטריי;
מיר לויבען דעם בורא גאר פון דאס ניי.

זינגען מיר: שושנת יעקב
תכלת מרדכי.
כאר: (עס בעטייליגען זיך אלע פורים שפיעלער).
פארפלוכט זאל ווערען המן דער רשע, דער ערשטער
געבענשט זאל ווערען מרדכי דער צדיק, דער גרעסטער
פערפלוכט זאל ווערען זרש מיט איהרע שוועסטער.
געבענשט זאל ווערען אונזער מוטער, וואס זי הייסט אסתר.
סאלא: געזאנג. אונזערע ווערטער איז פון דעם בורא
געבענשט זאל ווערען דער היגער ב"ב מיט זיין פרוי און קינדער
אונזערע ווערטער איז מן השמים.
איהר'ט אונז געבען עטליכע גילדען מיט א שנאפס
וועלען מיר מאכען לחיים!